ב"ה

# טעראַפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאַנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 77

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי באַרואיגט מען די ערב פסח נערוועז?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מיין ווייב ליידט אויף די נערוון, די גאנצע ערב פסח טעג איז א שווערע אנגעצויגענע דורכגאנג.*

*יעצט וויל זי נאכנישט אנהויבן די ארבעט, ווייל זי האט נישט קיין כח. זי זאגט אז נאך א ביסל גייט שוין אנהויבן און זי גייט עס מאכן אזוי ווי יעדעס יאר. אויב וויל איך אנהויבן פסח'דיג מאכן, איז זי נישט מסכים, און למעשה ווייס איך שוין אז ווען שוין ענדליך אנהויבן, וועט זי ווידער שוואך ווערן, און עס וועט זיך אנהויבן אלע פראבלעמען ווי געווענליך. וואס טוט מען דא?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת ויקהל-פקודי, כ"ב אדר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### ווען מען איז נישט פרייליך האט יעדער מיט די נערוועז

מען קען אויף יעדן איינעם זאגן אז מען האט מיט די נערוועז; ווען מען איז נישט פרייליך האט יעדער איינער מיט די נערוועז, מוהרא"ש זאגט, אויב מען האט נאר איין מאל געקוקט א שלעכטע זאך אדער חס ושלום פוגם געווען במעשה האט מען שוין מיט די נערוועז, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ג.): **"אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות"**, אז מען זינדיגט האט מען מיט די נערוועז.

### העלף מאכן סדר אין מח, איין טאג אויף אמאל

שמחה איז די עצה פאר שטארקע נערוועז; מאך פרייליך דיין ווייב, מאך א גוטע לופט אין שטוב, העלף איר מסדר זיין דאס פסח מאכן, צעטייל עס אין טעג; היינט דער שטוב, מארגן א צווייטע שטוב, איבערמארגן זיך אפריען, און נאכדעם די חלק קאך, און אזוי ווייטער; העלף מאכן סדר אין מח, אז מען דארף נישט אלעס מאכן אין איין טאג.

עס שטייט אין פסוק (ישעיה נה, יב): **"כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ"**, מיט שמחה גייט מען ארויס פון אלע קטנות און בלבולים, דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן י): **"כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת"**, דורך זיין פרייליך גייט מען אריין אין א נייע וועלט, אין א פרייע וועלט, מען גייט ארויס פון אלע נערוועז, מען ווערט אן אויסגעלייזטער, מען גייט ארויס פון די אייגענע גלות, די מח ווערט פריי; זאלסט פרייליך מאכן דיין ווייב וועט זי האבן כח ארויסצונעמען די חמץ און אריינברענגען די פסח, ווייל אויב חס ושלום מען איז נישט פרייליך - קען מען גארנישט טון, השם ישמרינו.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## זאגן ביי א שידוך אז מען שטייט אויף שפעט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*מען זוכט שוין א שידוך פאר מיר א שטיק צייט, און היות איך מוטשע זיך זייער שטארק מיט'ן אויפשטיין אין צייט, האב איך געוואלט וויסן צי מען דארף דאס לאזן וויסן פאר די אנדערע זייט; און אויב יא, ווען דארף איך זיי דאס זאגן?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת ויקרא, כ"ו אדר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

לכבוד... נרו יאיר

שטארק זיך, זיי נישט צעבראכן אז דו האסט נאכנישט דיין שידוך, נעם אריין אין דיר אז דיין שידוך האט נישט מיט קיינעם, נאר מיטן אייבערשטן. ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סח, ג), מיר געפינען אין די תורה, און נביאים און אין כתובים אז א שידוך האט נאר מיטן אייבערשטן; אין די תורה שטייט (בראשית כד, נ): **"וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר"**, אין נביאים שטייט (שופטים יד, ד): **"וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא"**, און אין כתובים שטייט (משלי יט, יד): **"בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת"**, א שידוך האט נאר מיטן באשעפער.

### אויפשטיין שפעט קומט פון צעבראכנקייט

אז מען איז נישט געזונט דארף מען מודיע זיין פאר די אנדערע זייט איידער מען שליסט די שידוך; אבער דאס אז מען שטייט אויף שפעט איז נישט קיין קרענק, דאס קומט פון צעבראכנקייט פון ווארטן אויף די שידוך, און פון גיין שלאפן שפעט; דאס דארף מען נישט זאגן, אז דו וועסט גיין שלאפן פרי וועסטו אויפשטיין אין צייט.

גיי שלאפן צייטליך, ליין קריאת שמע און גרייט אן נעגל וואסער, ווען עס קומט ביינאכט זאלסטו גארנישט טון, אלעס וואס דארף ווערן ערלעדיגט קענסטו מאכן אינדערפרי, ביינאכט זאלסטו גיין שלאפן וואס פריער, אזוי וועסטו אויפשטיין אין צייט, גיין אין מקוה, גיין דאווענען און לערנען דיינע שיעורים כסדרן, און זיך

גיין מתבודד זיין, און דו וועסט זוכה זיין שנעל צו ווערן א חתן און חתונה האבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## וואס טוט מען מיט קינדער וואס דרייען איבער?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב געוואלט פרעגן צוויי שאלות וועגן מיינע קינדער אין שטוב, ברוך השם זייער וואוילע לעבטיגע קינדער, אבער יעצט ווען דער צווייטער ווערט שוין גרויס, הייבט ער אן פארפירן און ווילדעווען, און ער שלעפט מיט דעם גרעסערן.*

*איינס, וואס טו איך אז זיי הייבן אן צו שפייען און זיי לאכן? אפילו אז איך זאג זיי שטרענג צו אויפהערן, העלפט עס נישט, זיי לאכן נאך מער און שפייען שטארקער און מיט א גרעסערע חיות, און אז איך געב זיי א פאטש העלפט עס אויך נישט, נאר אויב איך נעם יעדן איינעם באזונדער אליין דעמאלט העלפט א פאטש, איז ריכטיג זיי צו געבן א פעטשעלע פאר דעם?*

*צווייטנס, אסאך מאל שבת הייבן זיי אן שלעפן דעם טישטוך, און אויך דעמאלט העלפט נישט גארנישט, איך וויל דאך נישט מאכן שטרענגע סעודות און זיי דארפן אסאך אנשרייען?*

*יישר כח אויף אלע שיעורים און בריוו, וואס העלפן און זענען מחזק.*

*יישר כח*

**מען קען אויף יעדן איינעם זאגן אז מען האט מיט די נערוועון; ווען מען איז נישט פרייליך האט יעדער איינער מיט די נערוועון.**

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת תרומה, ב' אדר, שנת תשפ"ו
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

### אויב מען איז גערעגט, העלפט נישט זאגן, שרייען, און שלאגן

מיט קינדער קען מען נאר מצליח זיין אז מען איז נישט אנגעצויגן, נאר מען איז רואיג און פרייליך, נאר דעמאלט זענען די אויערן אפן; די קינדער שפירן דאס, די קינדער ווייסן דאס, און נאר אז דער טאטע אדער מאמע, און אזוי אויך אין חדר און אין שולע - אז מען איז רואיג, מען איז נישט אין נערוועון - דעמאלט הערן זיי וואס מען רעדט, ווידעראום אויב מען איז גערעגט וכו' - העלפט נישט זאגן, העלפט נישט שרייען און אויך נישט שלאגן, (שלאגן טאר מען נישט; דער רבי האט אונז געזאגט נישט שלאגן קיין קינדער, און עס העלפט נישט).

### וואס זענען די טריקס?

איך האב באקומען זייער אסאך הדרכה פון מוהרא"ש ווי אזוי צו פירן א ישיבה, א חדר, מיידל שולע; וואס מיינסטו - וואס זענען די סודות? וואס זענען די טריקס? מוהרא"ש האט מיר אלץ געזאגט: **"זע עס זאל זיין א פרייליכע אטמאספער אין ישיבה, אין חדר און אין מיידל שולע, נאר אזוי וועסטו מצליח זיין"**, אויך האט מיר מוהרא"ש געגעבן די עצה אז יעדע מאל איידער איך געב א שיעור פאר די תלמידים זאל איך זינגען מיט זיי, אזוי וועט זיך עפענען זייער הארץ, און נאר דאס ארבעט; אז עס איז פרייליך, אזוי זענען די אויערן אפן.

### אך און וויי א שבת סעודה וואס גייט מיט נערוועון

בנוגע די שבת טישטוך וכו', געב זיך אן עצה עס זאל זיך נישט אראפגליטשן; אדער קענסטו לייגן קליפס ביי די זייטן, אדער קענסטו אונטער לייגן א הארטע דורכזיכטיגע פלעסטיק און אויף דעם לייגן די ווייכע דינע פלעסטיק וואס מען בייט ביי די סעודות, דאס האלט די טישטוך אין פלאץ, אזוי איז דא כמה עצות, אבער דאס אלעס ארבעט נאר אויב מען איז פרייליך, אויב מען איז מיט די נערוועון - העלפט גארנישט. אך און וויי א שבת סעודה וואס גייט מיט נערוועון, עס ענדיגט זיך מיט מכות, און די ענדע ענדע איז אז די קינדער גייען אוועק וכו' השם ישמרינו.

### ווי אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער

בעט דעם אייבערשטן אסאך אויף שמחה און אויף קענען האבן א וועג מיט די קינדער, צו גוטע קינדער איז מען זוכה דורך בעטן דעם אייבערשטן. אזוי ווי די הייליגע חכמים דערציילן (תנא דבי אליהו רבא, פרק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עס איז געווען א כהן, "שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", זייער אן ערליכער איד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת", ער האט געהאט צען קינדער, "שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", זעקס זין און פיר טעכטער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", ער פלעגט יעדן טאג זיך אראפווארפן אויף דער ערד, וויינען און בעטן דעם אייבערשטן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", ער פלעגט אויפלעקן דער ערד מיט זיין צינג (דאס איז אן אויסדריק ווי איינער פארפירט און וויל עפעס פועל'ן) - "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אז אלע זיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן און קיינער זאל נישט צוקומען צו קיין עבירות, "אָמְרוּ, לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית", און מען דערציילט אויף אים, עס איז נישט אריבער קיין סאך צייט, נאך א קורצע צייט, "עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אֹתוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם", האט עזרא הסופר צוריק געברענגט אלע אידן קיין ארץ ישראל און אויפגעבויט דעם בית המקדש, און דער איד איז אויך געווען פון די וואס זענען צוריק געגאנגען קיין ירושלים, "עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", מיט אלע זיינע קינדער צוזאמען מיט עזרא הסופר, און אלע זיינע קינדער זענען געווארן כהנים גדולים אין בית המקדש, דער כהן האט זוכה געווען צו קינדער און אייניקלעך וואס אלע פון זיי האבן געטון די עבודה אינעם בית המקדש; זעט מען פון דעם אז תפילה איז די עצה זוכה צו זיין צו ערליכע קינדער.

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**